# א יתומל לאַכט

א יתומל לאַכט אין צעריסענע בגדים,
שרעקט זיך און לויפט איבער גאַסן און געסלעך.

האָט עפּעס געגנבעט.
יאָגט מען אים נאָך.
ער טאַנצט דורך א פֿאַרקאַן, קוקט זיך ארום:
א שטאַל, א קאַלב. א קאַלב מיט צוויי אויגן;
זיי, דאכט זיך, דערציילן: די קי איז נישטאָ,
די גרויסע ברוינע מאַמע נישטאָ.
א בודע. א הונט. א הונט מיט צוויי אויגן;
עס דאכט זיך זיי שרייען! מען האָט אונדז געשלאָגן,
גאָט, מען האָט אונדז געשלאָגן!

ציטערט דער קליינער
און וויקלט און וויקלט דאָס ביימעלע אויף:
א שפּיגעלע — ברילן — א קופּערנע דיטקע.

פיו, אר־אר־או!
פלי־י־י־י!

דאָס גנבל שפּילט זיך מיט דעם ווינט און די וואלקן
און שענקט זיי מזומן:
א שפּיגעלע, ברילן, א קופּערנע דיטקע.

און לאַכט, לאַכט
שטייט און לאַכט.

פּאַקט מען אים דאָ.
און ער שפּרינגט דורכן פֿאַרקאַן און לויפט,
א יתום אין צעריסענע בגדים,
דורך דעם טאָג, דורך דער גאָס, דורך דער וועלט.